וועט באקומען וועט זיין בלויז 1.5 פראצענט.

אויב דער וואס האט דעם באנד וועט ווארטן נאך אכט יאר, וועט יענער דאן באקומען די פולע הונדערט דאלאר ווען דער באנד וועט איינגעלייזט ווערן, אבער אויב ער וויל דאס פריער פארקויפן, מוז ער אראפלאזן דעם פרייז פונעם באנד אז די $1.50 וואס מען פארדינט, זאל אויסקומען צו 4 פראצענט. ד.מ. די אקטועלע ווערד היינט צוטאג פון אזא באנד איז נישט מער ווי ארום $38, ווייל 4 פראצענט פון $38 איז $1.52. אזוי קענט איר פארשטיין פארוואס די וואלי באנק איז פלוצלינג געווען אין א קריזיס. אויב זי האט געהאט באנדס וואס זי האט געקויפט צוויי יאר צוריק פאר הונדערט דאלאר און פארקויפט עס איצט פאר בלויז $38 ווייל זי מוז שנעל שאפן קעש, איז דאס א ריזיגער פארלוסט פון $62!)

אלזא, די באנק דירעקטארן האבן איינגעזען אז צוליב די גרויסע פארלוסטן פון דעם געצווינגענעם באנד פארקויפן פון זייערע אינוועסטמענט פארטפעלן מוזן זיי שנעל ארייינבאקומען א פאר ביליאן דאלאר פרישע געלטער, אבער דאס האט געשאפן א פאניק ביי די מענטשן און ביזנעסער וואס האבן געהאט געלט אין די באנק. ווען א באנק איז שוין אויף געהאקטע צרות אויף אזא פארנעם אז מען דארף ארייינשלעפן ביליאנען פרישע געלטער, איז מען דאך נישט פארזיכערט אז דאס וועט געלונגען, און מען האט אנגעהויבן ארויסנעמען געלט פון די באנק אויף א ריזיגן פארנעם. היינטיגע צייטן דארף מען נישט שטיין אין א רייע ביי די טעלערס ווען מען וויל ארויסנעמען גרויס געלט, מען קען דאס טאן עלעקטראניש זיצנדיג ביי א קאמפיוטער, טראנספערירן געלטער פון איין באנק צו א צווייטע, א.ד.ג.

פלוצלינג האט מען זיך געכאפט, ווען די וואלי באנק האט געקראכט, אז מ'האט שוין געהערט פאר דעם אז אלע בענק אינאיינעם האבן אזעלכע באנד פארלוסטן וואס דארף נישט גיין אויף די ביכער פון 620 ביליאן דאלאר! דאס האט נישט ארויסגערופן קיין זארג, ווייל ווי לאנג אלעס גייט, פארט מען מיט, אבער איצט אז מ'האט געזען וואס עס איז געשען, אז בענק קענען יא קראכן, האט מען שוין אנגעהויבן צו רעדן אויך איבער די 620 ביליאן דאלאר פון אלע בענק, און וויפיל געפאר דאס שאפט פאר'ן גאנצן סיסטעם.

דער באנק אינדעקס פון דעם "עס ענד פי" אינדעקס איז דאנערשטאג געפאלן איבער 6 פראצענט, דאס מערסטע אין צוויי יאר, ווען מען האט געזען ווי אזוי אינוועסטירער אנטלויפן פון די בענק סטאקס נאך דעם פראבלעם ביי די סיליקאן וואלי באנק. די סיליקאן באנק איז טאקע נישט פון די גאר-גרעסטע, אבער ווען עס הויבט זיך אן פראבלעמען אין אזא באנק וואס איז גאנץ גרויס, ברענגט עס זארג אויף אלע בענק, און די סטאק פרייזן זענען געפאלן צווישן 4 און 6 פראצענט ביי די פיר גרעסטע אמעריקאנער בענק: מארגען טשעיס, באנק אוו אמעריקע, וועלס פארגא און סיטיגרופ. די סטאק ווערד פון די 4 בענק איז אין דעם איינעם טאג געפאלן איבער 52 ביליאן דאלאר, אבער דאס ערגסטע איז געווען ביי "עס. ווי. בי.", וואס איז טאקע געפאלן איבער 60 פראצענט נאך די מעלדונג אז די באנק דארף זוכן שנעל איינשאפן נאך געלט.

גראדע איז זייער גוט געגאנגען פאר די באנק אין די פריערדיגע גוטע יארן. די סומע פון די דעפאזיטס וואס די באנק האט געהאט, ווי אויך די פארמעגנס וואס די באנק האט איצט געהאט, האט זיך כמעט געדאפעלט אין 21', און זייענדיג פארזיכטיג, נישט ארייינלאזנדיג זיך צופיל אין שווערע שפאקולאציעס אזוי ווי געבן ריזיקאלישע מארגעדזשעס, האט די באנק ארייינגעלייגט א גרויסן טייל פון די גרויסע געלטער אין די פארזיכערסטע אינוועסטמענטס, באנדס פון די פעדעראלע טרעזשורי און אנדערע רעגירונג באנדס, אבער ווי מיר האבן פריער מסביר געווען, האט דאס געברענגט דעם איצטיגן חורבן ווען מען האט אנגעהויבן אגרעסיוו צו העכערן די פראצענט ראטעס, און דאס האט צעשמעטערט די נייע טעכנאלאגיע פירמעס אויף וועמען די באנק האט געצילט איר ביזנעס מאדעל וואס איז איר אזוי גוט געגאנגען אין די פריערדיגע פאר גוטע יאר.

דער פראבלעם האט זיך טאקע אנגעהויבן מיט וואלי, אבער איז בליץ-שנעל געגאנגען ווייטער. די פוירסט רעפובליק באנק וואס איז הויפטקווארטירט אין סאן פראנציסקא, האט אויך א סאך ענליכע קליענטן, און אויך אירע סטאקס זענען שטארק געפאלן צוליב זארג אז די באנק וועט האבן גרויסע פארלוסטן.

מען האט טאקע גערעדט פון פוירסט רעפובליק, און מאנטאג צופרי האט מען געזען אז מען איז געווען בארעכטיגט צו זיין באזארגט איבער די באנק, אבער דער ערשטער קראך נאך וואלי איז געקומען ביי סיגנעטשור באנק, וואס פרייטאג האט מען געזען אז דער סטאק פון די באנק קראכט, האט מען געמוזט אפשטעלן דעם האנדל אויפ'ן סטאק, און ווען מען האט אנגעהויבן ארויסצושלעפן געלטער פון די באנק אויף א גרויסן פארנעם, האט מען געמוזט שליסן די באנק.

די סיליקאן וואלי באנק איז אויך זייער גרויס ביי די ווייַן פירמעס אין קאליפארניע, וואו א סאך פון די ווייַן פירמעס האבן זיך פארלאזט אויף די באנק צו באקומען די נויטיגע הלוואות פאר זייערע ביזנעס געברויכן.

די סיליקאן וואלי באנק האט אן אפיס אויך אין מאנהעטן, און פרייטאג האט די באנק געמוזט רופן די ניו יארקער פאליציי אלס וואך, ווען אינוועסטירער זענען געקומען צו לויפן צו די באנק ארויסנעמען געלט, נאר די באנק האט געמוזט זיין געשלאסן, אלס טייל פון די אקציע

